בס"ד
טעגליכע בלעטל לעיקוואד אומגעגנט
# לוח הציבור
לעיקוואד
Call/Text: 732.696.4300 Email: ads@lakewooddaily.com
Subscribe to get it via email: subscribe@lakewooddaily.com

**Friday June 12, 2026** — **ערש"ק פרשת שלח - כ"ז סיון תשפ"ו**

## זמנים

הזמנים הם לעיר לעיקוואד

| | היום | מחר |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 4:15 | 4:16 |
| נץ החמה: | 5:27 | 5:28 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:36 | 8:36 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:12 | 9:12 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:03 | 10:03 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:27 | 10:27 |
| חצות: | 12:56 | 12:57 |
| מנחה גדולה: | 1:40 | 1:40 |
| מנחה קטנה: | 6:01 | 6:01 |
| שקיעה: | 8:26 | 8:26 |
| צאה"כ ר"ת: | 9:38 | 9:38 |

## וועטער

| היינט | מארגן |
|---|---|
| 95°- 67° | 91°- 65° |
| רעגן נאכמיטאג | מערסטענס זוניג |

## שיעורים

| | |
|---|---|
| דף היומי | חולין מד |
| עמוד יומי | יומא כד: |
| דף הירושלמי | בבא קמא מא |
| משנה יומית | כלים י, ג-ד |
| הלכה יומית | או"ח רו, ב-ד |
| תהלים | קכ-קלד / קלא-קלה |
| מ"ב עמוד יומי | ח"ו נא. |
| מ"ב - דרשו | חזרה |
| מצוה יומית | תקסא: עמון ומואב בקהל |
| תניא | כי המעלה - ספ"ח |

## זמני שבת

שב"ק פרשת שלח-מברכים - כ"ח סיון תשפ"ו - אבות פ"ג

זמן הדלה"נ 8:08 | זמן מוצאי שבת 9:39



ממש ווי ניי!
גלאנצן | פרעסן | טוישן קאפלעך | איבערמאכן
דא צובאקומען די
"ישועה שטריימל"
די לייכסטע שטריימל איפן מארקעט
שעות: זונטאג – דאנערשטאג
2:00–6:30 נאכמיטאג
ערש"ק זענען מיר פארמאכט
קרויס שטריימלעך
1200 River Avenue
718.257.2877

דיין לעבן קען זיין אסאך שענער.
רעגיסטרירט אייך צו די גאר פאפולערע
מחובר קורסעס
דורך דעם יחיד מומחה ברגשי הנפש
הר"ר אהרן גראסמאן שליט"א
מזובר
צו מיר · צו מיין משפחה · צו השי"ת
פופצן שיעורים
אין לעיקוואד:
דינסטאג
› אנגעהויבן דינסטאג חקת בלק
ולמספ' June 23
מחובר האטליין
718.400.7588

PREMIER MORTGAGE
Licensed Mortgage Broker, NJ. #2401792
Loans Originated through third party providers.
SUPER-LOW MORTGAGE RATES FOR HOMEBUYERS
CALL NOW FOR A QUICK QUOTE
Sign up for rate updates, text "LOW RATES"
YEHUDA GROSS
732.773.9233
NMLS 1494185

Bad Credit? We Remove Late Payments From All 3 Bureaus
Call/Text/WhatsApp 845-325-2324

# שמחות

טעגליכע **שמחה** דערמאַנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**732.696.4300**

## מזל טוב! | א שמחה אין לעיקוואד?

דערמאַנט אייערע באַקאַנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".


מזל טוב!
budgetyid.com
קום צו די חתונה ווי א מחותן


# שידוכים

| | | |
|---|---|---|
| החתן **שמואל** נ"י<br>בן מוה"ר **יואל ראזענבוים** הי"ו<br>ווימס"ב | עב"ג | הכלה שתחי'<br>בת מוה"ר **חנני' יו"ט שווארץ** הי"ו<br>ווימס"ב |


**סימן טוב ומזל טוב!**

**מאכט איר א שמחה? לאזט די ציבור וויסן!**
**שיקט אריין אייער שמחה ביז 7:00 אוונט**

לוח הציבור
Call | Text
732.696.4300
Email
ads@lakewooddaily.com



בשורה משמחת לשומעי לקחי
הרה"ג ר' **שמעון גערטנער** שליט"א

אלע "ליינס" עצה ותושיה, בחורים, כיבוד אב ואם, קדושת עיניים, און חיים שיש בהם.

זענען יעצט בס"ד
**איבערגעמאכט און איבערגעפרישט**
**געווארן אלס איין פלאטפארמע**
וואו מען קען פרעגן יעדע שאלה אין עבודת השם,
און הערן מורא'דיגע
קורצע תשובות,
שיעורים און חיזוק.
שמעו ותחי נפשכם!

קלאַרקייט

845.414.8041

נתפרסם ע"י שומעי לקחו



Got a Ticket?
Call
THE TICKET
FIGHTER

We Fight
Parking •
Moving •
& Criminal •
Violations
Ez Pass •




Call
718-954-4295
917-957-7545
We do personal injuries



**Insurance alert!**

**Cheapest insurance rates for 1-4 family houses**

**718 871 1549 Ext. 210** **9294598484**


**Emergency Numbers**

| | |
|---|---|
| Police & Fire | 911 |
| Hatzalah - הצלה | 732.370.3600 |
| Shomrim שומרים | 732.367.1212 |
| Chaveirim - חברים | 732.370.2229 |


**Boro Park**
718.303.4300
**Monsey**
845.425.4300
לוח הציבור

דערהייבט אייער נפש מיט די פלאמפייערדיגע דרשות
פונעם פום ממלל רברבן
כ"ק מרן אדמו"ר מהוסט רבי שמואל שמעלקא לייפער זצוק"ל
א רייכע אוצר מיט דרשות ושיעורים אויף אלע עניני עבודת ה' ושמחת החיים
605-313-6802
נתפרסם לע"נ כ"ק מרן רבינו שמואל שמעלקי בן ר' אהרן משה זצ"ל
מכון תורת שמואל דהוסט
צו נעמען א חלק אין די זיכוי הרבים רופט: 347.949.2066






# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים



### כ"ז סיון

ג' תת"ל — הג"ר **חנינא** ב"ר **תרדיון** זצ"ל
מעשרה הרוגי מלכות

תנ"ט — הג"ר **שניאור** ב"ר **חנוך** זצ"ל
אב"ד רישא

תק"ד — הג"ר **מאיר** ב"ר **יצחק** זצ"ל
אב"ד אייזנשטאט - פנים מאירות

תקכ"ז — הג"ר **משה** ב"ר **יעקב הלוי בראנדייס** זצ"ל
אב"ד מאגענצא

תרט"ז — הג"ר **יחיאל מיכל** ב"ר **צבי מנחם מענדל אויערבאך** זצ"ל
אב"ד קורימא

תרמ"ג — הג"ר **מרדכי** ב"ר **יצחק אייזיק מעלצער** זצ"ל
מווילנא - תכלת מרדכי

תרע"ח — הג"ר **יעקב** ב"ר **מרדכי סג"ל פראגער** זצ"ל
תורת יעקב

תרנ"ד — הג"ר **שמואל שמעלקא** ב"ר **ישראל יעקב** זצ"ל
מחוסט

תש"א — הג"ר **משה יחיאל אלימלך** ב"ר **נתן דוד מפארציווא** זצ"ל
מלעבריטוב

תש"ד — הג"ר **אשר אנשיל** ב"ר **יונתן בנימין כ"ץ** זצ"ל
אב"ד סערדאהעלי

תש"ד — הג"ר **אברהם יעקב קאפל** ב"ר **ישראל איסר זינגער** זצ"ל
אב"ד סעמערין

תש"ד — הג"ר **יהושע** ב"ר **אברהם לעפקאוויטש** זצ"ל
אב"ד קאמאראן

תש"ד — הג"ר **יעקב** ב"ר **שמואל גבריאל ניישלאס** זצ"ל
ר"מ בסערדאהעלי

תשנ"ג — הג"ר **צבי הירש** ב"ר **אהרן ארי' לייב לייפער** זצ"ל
מפרעמישלאן אנטווערפען

תשנ"ו — הג"ר **רפאל** ב"ר **משה זילבער** זצ"ל
אב"ד פריימאן - מרפא לנפש

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

---

## יזכרם

זכרון שמות הנעדרים
שלא הניחו אחריהם זש"ק

נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

### כ"ז סיון

צו ארייננשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info

הב' אברהם ב"ר יהודא (פרייליך) – תש"ב [פיטא, האלאנד] • יהב' אברהם אליעזר ב"ר משה פסח (גאלדמאן) – תשל"ז הי"ד [א. מאנטיפיור] • יהילד אהרן ב"ר אברהם – תשכ"ג [בני ברק, זכרון מאיר] • הב' ברוך בענדיט ב"ר פנחס צבי (לע־ווינזאהן) – תש"ד הי"ד • געציל ב"ר מאיר דוב (סילווערשטיין) – תרפ"ד [א. מאנטיפיור] • ר' חיים ב"ר יהודא (ווייסבארט) – תשמ"ו [קרית יואל] • ר' חיים ב"ר שרגא ברוך (וויינרייך) – תשס"ח [NJ חל' באבוב] • הב' יהודא ארי' ב"ר פנחס צבי (לעווינזאהן) – תש"ד הי"ד • הב' יוחנן ב"ר אהרן (פריעד) – תשס"ו [NJ וואשינגטאן] • הב' יוסף ב"ר שמואל (וואראדי) - תרצ"ט [סאטמאר, רומעניא] • הב' יוסף חיים ב"ר פנחס אלי' (ווייסבערג) – תרל"ג [אונגוואר, אוקריינא] • הילד יששכר דוב ב"ר אלטר יוסף – תשל"ה [LI חל' וויזניץ] • הילד ישראל ב"ר אלטר יוסף – תשל"ד [LI חל' וויזניץ] • הב' לוי ב"ר הילל (וויינבערגער) – הי"ד תש"ד • הב' לוי ב"ר נפתלי הלוי (מאמעלס) – תרצ"ג [מט ציון] • הילד מנחם מענדל ב"ר ליפמאן (ליטמאנאוויטץ) – תרס"ג [פיעטרקוב, פוילן] • הילד מנחם שמואל ב"ר יהודא הלוי - תשנ"ד [ענפיעלד, לאנדאן] • הב' משה יהודא ב"ר צבי (וויינבערגער) – תרצ"ו [קאשוי, סלאוואקיי] • הב' נח ב"ר אשר אנשיל הלוי (העריסאן) – תרפ"ו [מט ציון] • הילד נפתלי צבי ברוך ב"ר יעקב ב"ר ארי' ליב (וואלק) – תרע"ט [ביה"ח ד'מאנסי] • פנחס יעקב ב"ר יעקב יוסף • הב' רפאל ישעי' חיים ב"ר דוד מרדכי (לעבראן) – תשע"ג [LI חל' בעלזא] • הב' שאול ב"ר מרדכי זאב (פרערוי) – תרע"ט [בערעג־סאז, אוקריינא] • הילד שאול ב"ר משה (שאהן) – תשי"ד [NJ וואשינגטאן] • שלמה אהרן ב"ר שרגא פייוול (שטיין) – ת"ש [מט חברון, טאפאראוער] • שמואל נתן ב"ר פישל (שאהנבערג) – תשמ"ט [אלבאני נ.י.]
הילדה אביגיל בריינדל ב"ר ארי' ישראל – תשנ"ג [ביה"ח ד'מאנסי] • איידא זוסא ב"ר ארי' • מרת ברכה ב"ר ישראל זאב הלוי – תרצ"ה [סענדזשארץ, רומעניא] • גיטל ב"ר חיים (בראנד) – תשל"ב [יוניאן פיעלד] • הבתולה הענא ב"ר יוסף (קרויזע) – תרצ"ד [טשענסטחויב, פוילן] • זלאטא ב"ר דוב (ווייסמאן) – תרצ"ד [מט לבנון] • מרת חנה ב"ר מענדל (שטראססער) – תרצ"ב [דעברעצין, אונגארן] • מרת ליבא ביילא ב"ר צבי (טענענבוים) – תר"פ [מט ציון] • חנה פערל בילא ב"ר מאיר נתן הכהן • הילדה מלכה ב"ר אברהם – תרנ"ט [בילקא, אוקריינא] • הבתולה מערל ב"ר ניסן (גרינפעלד) – תרל"א [אונגוואר, אוקריינא] • הילדה סאשיא עניא ב"ר מנשה (סלאטקין) – תר"צ [מט ציון] • רחל ב"ר יוסף • הבתולה מלכה ב"ר יוסף (ניימאן) – תרע"ט [טשעטשאוויץ, סלאוואקיי] • הבתולה עלקא ב"ר יהושע (פיערסאן) – תרפ"א [אלבאני נ.י.] • מרת רחל ב"ר משה (ווייס) – [הר המנוחות] • הבתולה שרה חנה ב"ר אברהם ברוך הלוי – תשפ"א [NJ חל קאסאן]

---


אין די גוי'שע וועלט רופט מען עס...

NATURE'S OZEMPIC®




באקענט אייך מיט בֶּערבֶּערין.

advanced nutrition by ZAHLER

בערבערין איז א נאטורליכע סופלעמענט וואס איז לעצטענס שטארק באקאנט געווארן צו זיין גאר עפעקטיוו אין שטיצן וואג-פארלוסט, נידעריג בלוט-דרוק און באלאנסירן קרעווינגס. אדרבה, כאפט א באטעל און פארלירט אייך.

If you are pregnant, nursing, or have a medical condition, consult your healthcare provider before using this product.
*These statements have not been evaluated by the Food and Drug Administration. This product is not intended to diagnose, treat, cure or prevent any disease.
Ozempic® is a registered trademark of Novo Nordisk and is not affiliated with or endorsed by this product or its manufacturer.

# הילולא דצדיקא



**יארצייט פונעם טאג - כ"ח סיון - שנת תרל"ג**
**האדמו"ר רבי משולם פייש סג"ל לאווי, השרף מטאהש**

**געבוירן:** שנת תקפ"א

**זיין טאטע:** רבי מרדכי

**זיינע זין:** רבי מרדכי. האדמו"ר רבי אלימלך מטאהש.

**זיינע איידימער:** האדמו"ר רבי יהוסף ראטטענבערג מקאסאני. רבי מנחם ברוידי אבד"ק קאלוב. רבי שלום כהנא. רבי דוד מנשה

**זיין רבי:** האדמו"ר רבי דוד שפירא מדינוב, בעל 'צמח דוד'

אין די פארגאנגענהייט האבן מיר באשריבן אין קורצן די יוגנט יארן פונעם 'שרף' פון טאהש, ווי ער איז גערופן געווארן דורך צדיקים, צוליב זיין עבודה וועלכע איז אפגעראכטן געווארן מיט אן אויסטערלישע פלאם פייער. מיר האבן דערמאנט אז ער האט געדינט אלס מלמד תשב"ר אין שטאט טעגלאש, אויף וועלכן ער האט באקומען געהאלט, אבער דאס רוב דערפון האבן זיי פארטיילט פאר עניים ואביונים, און זיי אליינס האבן געלעבט אין גרויס דחקות, בפרט נאכדעם וואס ס'איז פארגעקומען א גרויסע גניבה ביי זיי אין שטוב, וואס האט זיי איבערגעלאזט בעירום ובחוסר כל, און דערנאך האט אויך פאסירט א שריפה, וואס האט אינגאנצן חרוב געמאכט זייער דירה, אז זיי זענען געבליבן אן גארנישט ממש. די בעלי בתים פון שטאט טאהש, פלעגן פון צייט צו צייט פארן צום יריד, און זיי זענען אפט פארבי" געפארן טעגלאש, און אזוי ארום האבן זיי זיך באקענט מיט רבינו זצ"ל, דער מלמד פון טעגלאש, און זיי האבן אנערקענט אין זיין גדלות, און זיי האבן באשלאסן אז זיי ווילן אים אויפנעמען פאר רב ביי זיי אין שטעטל טאהש.

תיכף נאכן באשלוס, זענען זיי אריין צו רבינו זצ"ל אין שטוב, און זיי האבן אים פארגעלייגט דעם ענין, אז זיי דארפן האבן אין טאהש א רב, וואס זאל פירן דעם שטאט און וואס זאל מדריך זיין זיי און זייערע קינדער צו תורה און יראת שמים, און זיי האבן אנערקענט אז רבינו זצ"ל איז ראוי דערצו, און דערפאר ווילן זיי אים אויפנעמען פאר רב, און זיי האבן אים דערביי" צוגעזאגט א שיינעם געהאלט אז ער זאל נישט דארפן מער לעבן אין אזא ארעמקייט ווי ביז יעצט. רבינו זצ"ל האט אבער, פונקט ווי ביז דאן, קאטאגאריש אפגעווארפן א רבנות פאסטן, ער האט גע'טענה'ט אז ער איז נישט ראוי צום איצטלא דרבנן, צו זיין א מנהיג לעדה. זיי האבן געזען אז ער איז זייער אנטשלאסן, האבן זיי אים געבעטן אז ער זאל כאטשיג קומען אהין אויף איין שבת, און פראווענען דעם שבת מיט זיי.

רבינו זצ"ל האט זיך דאן איבערגעקלערט אז אפשר איז דאס אז ער האט געהאט א שריפה אין שטוב, א סימן פון הימל אז אז ער זאל יא אננעמען א רבנות פאסטן, און ער האט באשלאסן אז ער וועט אננעמען דעם איינלאדענונג פון די קהילה, צו פראווענען דארט א שבת קודש, און דערנאך וועט מען שוין באשליסן וואס מ'טוט אויף ווייטער. רבינו זצ"ל האט טאקע געווארט אויפן ערשטן געלעגנהייט, און ער איז ארויסגעפארן קיין טאהש אויף שבת. די מענטשן פון שטאט האבן זיך זייער געפריידט צו הערן אז רבינו זצ"ל איז טאקע געקומען אויף שבת, און זיי האבן אים צוגעשטעלט פון אלעם גוטן. דער שבת איז געפראווועט געווארן אויף גאר א געהויבענעם פארנעם. רבינו זצ"ל האט אפגעראכטן זיין פייערדיגע עבודה, וואס האט אריינגעשלעפט דעם גאנצן שטאט, אין אן אש קודש פון קדושת השבת, וואס האט זיי" דערהויבן ביז גאר, און זיי האבן זייער געהאפט אז ער וועט יא אננעמען דאס רבנות.

באלד זונטאג אינדערפרי, זענען די ראשי הקהילה אריין צו רבינו זצ"ל, מיט א כתב רבנות, און זיי האבן אים זייער געבעטן אז ער זאל אננעמען דאס רבנות, ווייל די איינוואוינער פון שטאט האבן זייער הנאה געהאט פונעם געהויבענעם שבת, און זיי ווילן אים זייער שטארק האבן אלס רב. רבינו זצ"ל האט אבער דאך נישט געשפירט אז ער איז ראוי דערצו, און ער האט זיי", צו זייער גרויס ווייטאג, אפגעזאגט. דאן אבער איז רבינו זצ"ל אהיים געפארן קיין טעגלאש, וואו ער האט געטראפן זיין הויז מיט אלע חפצים גענצליך אפגעברענט, אז ער האט ממש נישט געהאט וואו צו וואוינען, און ער האט פארשטאנען אז פון הימל וויל מען יאר ער זאל זיין רב.

אבד"ק טאהש. רב און רבי. מנהיג לאלפים. עבודת הלוים באש קודש. אותות ומופתים. אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

=

**זכר צדיק לברכה!**


'אט די האסט די כוחות.

מיר האבן די כוחות פאר שמירת עינים! גיי אן ווייטער, כה לחי!

עינים

מיינע טייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד

718-977-5554

# שבת ערציילונג



## ממשיך די ישועה

געווען איז דאס א קורצע צייט נאכדעם וואס אין שטאט טאהש האט מען אויפגענומען אלס רב און רבי, הרה"ק רבי אלימלך מטאהש זי"ע, דער זוהן פונעם הייליגן שרף, רבי משולם פייש, פון טאהש. רבי אלימלך איז נאך געווען א קינד ווען זיין פאטער איז נסתלק געווארן, און מ'האט געווארט ביז ווען ער איז עלטער געווארן, און דאן האט מען אים אויפגענומען ממלא צו זיין מקומו הגדול פון זיין טאטן.

צום נייעם רבי'ן אין שטוב איז אנגעקומען ערב שבת קודש א איד, אינאיינעם מיט זיין ב"ב און זיין משפחה. זיי זענען געקומען פונעם ווייטן פוילין, ערגעצוואו נעבן דינוב, און זיי האבן געבעטן ביים רבי'ן אין שטוב אז זיי ווילן מיטהאלטן אלע סעודות שבת קודש דארט אין שטוב. דער איד האט צוגעלייגט אז ער האט מיטגעברענגט מיט זיך אלע מאכלים, מכל טוב וטוב לכבוד שבת קודש.

אויפן וואונדער פונעם רבי'ן און די שטוב מענטשן, פארוואס דער איד איז געקומען אצינד צו פארן קיין טאהש, און פארוואס ער וויל דווקא עסן ביים רבי'ן אין שטוב, האט ער דערציילט אט די מעשה:

*******

איך האב שוין געהאלטן עטליכע יאר נאך מיין חתונה, און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער. איך און מיין ב"ב האבן געווארט און געהאפט, געבעטן און געוויינט, אבער די ישועה איז נישט אנגעקומען. יעדעס מאל ווען איך בין געפארן צום מיין הייליגן רבי'ן, רבי דוד'ל פון דינוב זצ"ל, האב איך אים געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר אונז, אז מיר זאלן זוכה זיין צו קינדער. אבער דער רבי האט נישט געענטפערט מיין בקשה. איך האב נישט אויפגעגעבן, נאר יעדעס מאל האב איך נאכאמאל געבעטן פון פריש, און געהאפט אז דאס מאל וועט דער רבי מיר שוין צוזאגן א ישועה. אבער יעדעס מאל בין איך אהיים געפארן מיט ליידיגע הענט.

איין יאר, בין איך געפארן אינאיינעם מיט מיין ב"ב אויף ראש השנה קיין דינוב, און ערב ראש השנה זענען מיר אינאיינעם אריין אל הקודש פנימה צום הייליגן רבי'ן מיט א קוויטל און פדיון. מיין רעבעצין איז געווען דעמאלטס זייער צעבראכן, און זי האט עס שוין נישט געקענט אויסהאלטן.

זי האט זיך געוואנדן צום רבי'ן און געזאגט מיט א שטארקייט: "רבי, איך גיי נישט ארויס פון דא ביז דער רבי וועט מיר צוזאגן א ישועה!". מיט וויטאג האט דער רבי אויסגעהערט אירע ווערטער. אבער, ער האט איר געענטפערט, "איך קען אייך נישט צוזאגן די ישועה"...

דער רבי האט ממשיך געווען, "אבער, איין עצה קען איך אייך געבן"...

מיר האבן זיך צוגעהערט מיט האפענונג. דער רבי האט ווייטער געזאגט, "דער הייליגער צדיק, דער רבי פון טאהש, קומט אהער צו פארן יעדעס יאר אויף יום טוב סוכות. ווען ער וועט קומען דאס יאר, זאלט איר אים איינלאַדענען אז ווען ער פארט צוריק אהיים, זאל ער זיך אפשטעלן אין אייער שטאט, און ער זאל אריינקומען באזוכן ביי אייך אין שטוב, און ער זאל דארט אויך עסן א סעודה. און אויב איר וועט מצליח זיין אים צו איבעררעדן דערצו, דאן בין איך זיכער אז בזכותו וועט איר געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא".

די ווערטער פונעם רבי'ן האבן אריינגעבלאזן א פרישע גייסט פון האפענונג אין אונזערע הערצער.

ווען דער יו"ט סוכות איז אנגעקומען און דער רבי פון טאהש איז געקומען קיין דינוב, האבן מיר גלייך אנגעהויבן מיט אונזער השתדלות און פארשידענע פעולות, צו פועל'ן ביים צדיק אז ער זאל קומען צו אונז אין שטוב. איך האב פרובירט צו רעדן מיט אים עטליכע מאל דערוועגן, אבער דער הייליגער טאהשער רבי האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס מיר בעטן אים אזא מאדנע בקשה. "וואס האב איך מיט אייער שטאט?" האט ער געפרעגט. "פארוואס זאל איך דווקא דארט דורכפארן אויפ'ן וועג אהיים? און פארוואס ווילט איר אז איך זאל עסן ביי אייך אין שטוב?", מיר האבן אים נאכנישט געוואלט דעמאלטס אויסזאגן די סיבה דערפון, אויס מורא אז דאן וועט ער נישט וועלן קומען.

אבער מיר האבן נישט געקענט פועל'ן אז ער זאל קומען. דאן אבער זענען געווען עטליכע חסידים, וואס האבן מיטגעהאלטן אז דער רבי פון דינוב האט אונז געגעבן די עצה אז מיר זאלן רופן דעם טאהשער רבי'ן צו אונז, און זיי האבן זיך אריינגעלייגט אין דעם ענין. איינער האט גערעדט. איינער האט געבעטן. איינער האט מסביר געווען. ביז ענדליך האט דער טאהשער רבי איינגעגעבן, און ער האט זיי צוגעזאגט אז פאר זייערט וועגן, וועט ער משתדל זיין אהיים צו פארן דורך יענעם שטאט. "איך וועל דארט דאווענען שחרית, און אויב עס וועט מיר געפעלן, דאן וועל איך אפשר אויך עסן דארט פת שחרית ביי זיי אין שטוב".

נאך סוכות, ווען דער טאהשער רבי איז אהיים געפארן פון דינוב, איז ער טאקע געקומען צו אונז אין שטאט. ער

האט געדאווענט שחרית מיט גרויס התעוררות, און נאכן דאווענען איז ער אריינגעקומען צו אונז אין שטוב. אבער אנשטאט ער זאל זיך זעצן צו פת שחרית, האט דער רבי אנגעהויבן טון עפעס גאר מאדנע. ער איז אריין אין איין צימער, דערנאך אין א צווייטן און דערנאך אין א דריטן. ער האט זיך ארומגעקוקט אין יעדן ווינקל. אויפגעמאכט טירן. אריינגעקוקט אין אלע צימערן. ס'האט אויסגעזען ווי ער זוכט עפעס. נאר קיינער האט נישט געוואוסט וואס.

נאכדעם איז ער ארויס אין הויף. אויך דארט האט ער זיך ארומגעקוקט. ער איז געגאנגען אהין און צוריק. מיר האבן זיך זייער געוואונדערט. וואס זוכט דער רבי? וואס וויל ער טרעפן? פלוצלינג האט דער רבי זיך אפגעשטעלט און געפרעגט, "זאגט מיר, וואו געפונט זיך דאס קינדער־וויגעלע?", איך האט נישט פארשטאנען. און דער רבי האט ערקלערט, "איך האב געזוכט דעם וויגעלע אין אלע צימערן, איך האב עס געזוכט אין גאנצן הויף, און איך קען עס נישט טרעפן". דעמאלטס האב איך אנגעהויבן וויינען. "רבי", האב איך געזאגט, " מיר האבן נאך נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און דערפאר טרעפט נישט דער רבי קיין וויגעלע".

ווי נאר דער רבי האט דאס געהערט, האט ער אנגעהויבן גיין צום טיר. "אויב אזוי", האט ער געזאגט, "קען איך ביי אייך נישט עסן". מיר האבן זיך דערשראקן. "פארוואס נישט, רבי?", דער רבי האט געענטפערט, "ס'שטייט אין משלי: 'אל תלחם את לחם רע עין', און חז"ל דרשנ'ען אז מ'טאר נישט נהנה זיין פון מענטשן וואס זענען 'צר עין', און ס'איז דאך ידוע אז א מענטש וואס האט נישט קיין קינדער קען ווערן פארביטערט און זיין א 'צר עין', דעפאר קען איך דא נישט עסן.

איך מיט מיין פרוי זענען מיר געווען צעבראכן אויף שברי שברים. דאס איז דאך געווען דער גאנצער ציל פון אהער ברענגען דעם רבי'ן! דערפאר האט מען דאך געווארט אזויפיל חדשים! דערפאר האט זיי דער רבי פון דינוב געהייסן ברענגען דעם טאהשער רבי'ן, טאקע ווייל מיר האבן נאכנישט קיין קינדער! איך האב אנגעהויבן וויינען צום רבי'ן מיט הייסע טרערן, "רבי, איך בעט אייך, פארשעמט אונז נישט, האט רחמנות אויף אונז! בלייבט כאטשיג פאר פת שחרית, און בעטס פאר אונז ביים אויבערשטן אז מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן". איך האב געוויינט. מיין פרוי האט געוויינט. און מיט ציטערדיגע הערצער האבן מיר געהאפט און געווארט אז דער רבי זאל אננעמען אונזער בקשה.

דאן האט דער רבי מיר געזאגט, "איך וועל בלייבן דא עסן פת שחרית נאר מיט איין תנאי! אויב איר זענט באמת מסכים מיטן גאנצן הארץ, אז בעזהשי"ת קומענדיגע יאר אין אזא צייט זאל אייער פרוי שוין האלטן אן אייגן קינד אין די הענט – נאר אזוי וועל איך מסכים זיין צו עסן ביי אייך פת שחרית"!

איבעריג צו זאגן, אז איך האב נישט געווארט קיין רגע, "יא רבי! זיכער בין איך מסכים! מיט מיין גאנצע הארץ און זעל בין איך מסכים דערצו! דער רבי זאל נאר דאווענען פאר אונז, און אונז בענטשן אז עס זאל טאקע אזוי זיין!". איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט צום רבי'ן, און דער רבי האט אויך אויסגעשטרעקט זיין הייליגע האנט צו מיר, און מיט א שמייכל און א ליכטיגן פנים האט ער אונז געבענטשט, אז מיר זאל געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא. דערנאך האט דער רבי זיך געזעצט צום טיש, און מ'האט געגעסן פת שחרית מיט פרייד און התרוממות וואס מ'קען נישט באשרייבן.

איבעריג צו זאגן אז די ברכה פונעם הייליגן טאהשער רבי'ן איז מקוים געווארן. און צום יאר איז געבוירן געווארן ביי אונז א לעכטיגער און געזונטער בן זכר למזל טוב. די שמחה אין שטוב איז געווען אומבאשרייבליך! די עצה פונעם דינובער רבי'ן, און די ברכה פונעם טאהשער רבי'ן, האבן געברענגט א ישועה. איך האב גאר שטארק באדאנקט דעם הייליגן רבי'ן פון טאהש פאר זיין ברכה, און איך האב אים אויך געוואלט געבן א פדיון, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען פון מיר גארנישט.

*******

נאכן ענדיגן דערציילן די מעשה, האט דער איד פארגעזעצט זיינע ווערטער, פאר הרה"ק רבי אלימלך מטאהש, דער זוהן פונעם שרף:

מיין עלטסטן בחור וואס איך האב געברענגט דא היינט מיט מיר, דאס איז אט דער קינד וואס איז געבוירן געווארן דורך די ברכה פון אייער הייליגן טאטן. און אצינד שטייט פאר אים א שווערע גזירה, ווי אויף נאך טויזענטער אידישע קינדער, מ'וויל אים רח"ל נעמען צום מיליטער. איך בין געווען זייער דערשראקן דערוועגן און נישט געזען קיין וועג ארויס. בצר לי, בין איך געפארן צו מיין רבי'ן, רבי צבי אלימלך פון בלאזוב, וועלכער איז א זוהן פון רבי דוד'ל פון דינוב, און איך האב אים דערציילט די גאנצע מעשה.

דער בלאזובער רב האט אויסגעהערט און מיר געזאגט "פארט קיין טאהש. נעמט מיט א שיינעם פדיון. און בעט פונעם זוהן פונעם שרף, רבי אלימלך, אז ער זאל מתפלל זיין פאר אייער זון. דאס קינד איז דאך געקומען אויף דער וועלט דורך א ברכה פונעם שרף פון טאהש. יעצט זאל זיין זכות ווייטער מגין זיין אויף אים".

דער איד האט ארויסגענומען דעם פדיון און דאס איבערגעגעבן פאר רבי אלימלך, און געזאגט, "דעמאלטס האב איך געוואלט געבן א פדיון פאר אייער הייליגן פאטער, אבער ער האט נישט געוואלט נעמען פון מיר גארנישט, יעצט בין איך געקומען אפצוצאלן דעם חוב".

דער רבי האט טאקע גענומען דעם קוויטל מיטן פדיון און מתפלל געווען פאר'ן בחור, און דער בחור איז טאקע ניצול געווארן פון די ביטערע גזירה, און האט זוכה געווען צו א ישועה. און אזוי האט די ברכה פונעם הייליגן שרף פון טאהש ווייטער באגלייט די משפחה, נישט בלויז ביים געבורט פונעם קינד, נאר אויך יארן שפעטער, ווען דאס קינד אליין האט געדארפט א ישועה.

צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 732.696.4300

# Real Estate

Rentals

| Location | BDR | BTH | Details | |
|---|---|---|---|---|
| Finchley/ Hearthstone | 1 | 1 | New btfl upgraded furn chosson/kalla apartment in Hearthstone near O&V, W/D, ground floor, large windows, Available mid-November. | 732.606.2242 |
| The 70 | 3-4 | 2 | Brand new gorgeous basement, available mid Nov- $1800/$2000 | 732.730.4074 |
| BELZ SHLAV HEI | 5 | 3 | Brand new house available immediately | 347.451.1636 |
| 55+ | 2.5 | 2 | Magnificent House available for rent in Heimeshe Over 55 Community in Lakewood, right next to Shuls and all Facilities | 732-474-8632 |
| OAK & VINE | 4 | 2 | Upgraded quiet basement, newly renovated $2000 | 718.682.2598 x 1 |


KUPETZ TAX
Individual and Business Accounting Services
Avrumy Kupetz
732-930-9187
info@kupetztax.com
>Tax Returns
>Bookkeeping
>LLC Formation
Call now for 1099 filing!

"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type Of Air Condition - Central Ac - Mini Splits Etc. Thermostats - Water Heater - Tankless Systems
Call 24 hours: 646-820-0196
The Heating Cooling Doctor

The Commercial Refrigeration Doctor
"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display - Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587

מען קען רופן דער בית הוראה טעלעפאן ליין לעניני רבית
יעדער טאג פון 8:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
845-493-8604 RIBISHOTLINE@GMAIL.COM
בית הוראה לעניני רבית
845-493-8604
ribishotline@gmail.com

Smartlist
The Premier Jewish Phonebook
Available on all App Stores
די בארימטער היימישע אידישע היים
דירעקטארי עפפ שטעלט צו סערוויסעס פאר
איבער 25 היימישע שטעט איבער די גארער
וועלט. איז אייער פאמיליע גליסיסטעט אויף
סמארט ליסט ? רופט יעצט
848-224-9395 smartlistapp.com 800-530-4296

# Commercial Rentals

| Location | Size | Details | Contact |
|---|---|---|---|
| PARK AND 7TH | OFFICE | Beautiful Private above ground office suite | 845.642.7159 |
| EGG HARBOR NEW JERSEY NEAR LAKEWOOD | 80,000 square feet Warehouse | | 845.502.1683 |
| EGG HARBOR NEW JERSEY NEAR LAKEWOOD | 10,000 square feet Warehouse | | 845.502.1683 |
| RIDGE AREA | OFFICE | Basement office avail in ridge area airy and spacious private entrance and bath | 732.618.5262 |
| CENTRALLY LOCATED ON AIRPORT ROAD | Warehouse | large FULLY RACKED warehouse with offices avail to rent from June 1st with option of dividing to smaller spaces | 732.503.3484 |
| INDUSTRIAL PARK | SINGLE/DOUBLE OFFICE | private single/ double offices available all inclusive pricing. | 732.330.9412 |
| JACKSON | 3,000 SF + OFFICE | Approx 3k sq ft WH space Jackson + 1,200 sq Office space - Text for more info | 848.326.4030 |







JOBS

## B"M PHOTOGRAPHY

**Bar Mitzvah Photography**
Reasonable pricing
**Call/Text: 347.694.7274**

SERVICES

## JOB OPPORTUNITY

Outbound Sales - FT
$100K + Commission
yehuda@bbtents.com
Call 347-232-221

## HANDYMAN

Handyman by the hour
Get your house back in order for just $150 a hour
Please call 848-389-8219

## SERVING THE CATSKILLS

Shades Window Treatment — All types of window shades and drapery. Quality products, fair pricing, and exceptional service. Call 845-459-5522.

## MELAMED OPPORTUNITY

Out of town community (6 hours by plane) is looking for a menlamed in a heimishe mosed, must move there minimum 6 years, Great pay
For serious inquiries only
Call: 917-543-3845 and leave mag

## RELIABLE HEIMISHE DRIVER

Reliable Heimisha Driver
New clean comfortable vehicle
(2025) Starting prices:
Lkwd Ewr 115$
To Bp/flatbush 165 $
Monsey 150 $
Reserve now, call/text/whatsapp
8483300775

## FLOORING SPECIAL

Best deals on carpet vinyl
Vinyl starting as low at only three dollars installed. Call or text serving nj pa. Upstate ny
732 903. 5667

## JOB OPPORTUNITY

Experienced Cold Caller Needed. Find leads, build contact lists, call business owners, follow up, set appointments, and sell business services. Must have sales experience, excellent English, and be highly motivated. Full-time $20-30/hr
848-986-6055

## FIX & FLIP LOANS

**Fix & Flip loans.**
**Refinance loans.**
**fast approvel.**
**RFK FUNDING**
**347-256-5646**

## CAR SERVICE

**Shaye's Transportation**
EWR - $130 JFK/LGA-$220
BP/Flatbush - $180
Monsey - $160
English, Hebrew, Yiddish
**Call/Text/WA 917.494.4823**


# $7 Hire A Full–Time Remote Employee For $7 An Hour

That's a full time Overseas Employee for **$280 a week**

Loved by: **1000+** Satisfied clients

- ✓ Customer Service
- ✓ Bookkeeping
- ✓ Data Entry
- ✓ Architecture
- ✓ Property Management
- ✓ Amazon Assistance
- ✓ Collections
- ✓ Real Estate

No hidden fees. No lock-in contracts.

HIRING4LESS™ 848.986.6055 | HIRING4LESS.COM


## USPS FOREVER STAMPS

Inspected and tested by USPS $40 per 100 (Min. 300)
Reach out for discounted prices on larger quantities.
Email: greatdeals4cheap1@gmail.com
SMS/LV MSG: 718-594-8502
FREE SHIPPING! WE PRICE MATCH! we accept CC!

MISC



## VACATION RENTALS

## אספקלריא

הגאון הגדול רבי הערשל ווייס שליט"א גאב"ד
הר נוף: " כל ישראל ערבים זה לזה" האט
דער אייבערשטער כורת ברית געווען אין
ערבות מואב!!!
רופט אספקלריא
8,0,6 דריקט 18459994949

## הבטחתי ונושעתי

**עשיתי הסגולה של רבי מתיא בן חרש וראיתי ישועה גדולה והבטחתי לפרסמו**

## LUXURIOUS MONSEY VACATION

Beautiful, upscale homes available for short-term stays in the Monsey area. Some properties feature private POOLS. Accommodations for 18–100 guests—ideal for large families, Shabbatons, and group getaways.
Available year-round.
Great Minds 845-520-3250

## NEUROFEEDBACK

It's the summer already !!!
Do you want to be ready for the new year ?
Start your new year with a clear mind and focus with confidence
Try neurofeedback it works !
For more info call 419-750-4046
ADD,ADHD,Anger Management,Anxiety,panic attacks,Phobias,tinnitus,Phobias,OCD,Lyme.

## MONSEY CAMPUS AVAILABLE FOR RENT – DAY CAMPS & EVENTS

Spacious campus ideal for summer day camps, group outings, and programs. Flexible rental options available daily, monthly, or hourly. POOL is available and can be rented separately by the hour.
Great Minds 845-520-3250

## BUNGALOW RENTAL

7 min drive to Woodburne, friendly colony, heimishe crowd, nice condition, 3 bedrooms, 2 bathrooms, large spacious living room dining room. Available for weekly rental throughout the summer.
C/T 732-288-5362

## PROFESSIONAL WEBSITES

**Professional Websites For Just $1,495 • Webrrific • 929.925.SITE**

## BALTIMORE

**שבתון**
**לבני הישיבות**
**917.806.8075**

## שבת / וואכנטעג אין סקווירא

New Square: Beautiful 4 Bedroom apt avail. for Shabbes for rent or for weekdays also 1 bedroom suite for rent. Close to the shul.
Call/Text/Vm 845.641.9217

## מוטשעט זיך מיט אייער שטימע?

זענט איר א מלמד מגי"ש וכדו' און מוטשעט זיך מיט אייער שטימע?
א מלמד מיט 23 יאר עקספריענס וואס האט זיך געלערנט א bpt
מעטאד ווי אזוי צו פארמיידן פון אנשטרענגן אייער שטימע און נישט
ווערן הייזעריג, האט שוין געהאלפן רבנים, מגידי שיעורים, און
מלמדים, גרייט צו געבן רעפרענס ספעציעלע פרייז פאר בני תורה
917-543-3845

# צעטליך
## אויפהענגען?

TMG
הענגט אין אלע אידישע
געגנטער אין אמעריקא
בתי מדרשים, קאנטראקשאן, פאבליק פלעצער

718.925.2300 #103 | info@tmgmediany.com




המחנה
אינטערעסאנט
פאר די גאנצע
משפחה
נומער 89 | שנת תשפ"ו | שלח
40 דער שידוכים מייסטער
40 חיילים לתורה
14 מן המחנה אל המחנה
16 קול במחנה
18 למטה מנשה
20 בלשון חסידים
22 מחוץ למחנה
24 סביב למחנה
26 מתוך המחנה
28 וואו גייט דארט פאר?
32 וזכנו לחנך
57 פארצייטיש
58 אידישער קווארטל מאראקא
60 אוזן קשבת
62 ביזנעס טישל
68 היא תתהלל
72 בילדער
78 ויאמר דוד
המחנה
דער שידוכים מייסטער
תכלת
צו באקומען אין אלע געשעפטן